בס"ד

גיליון מוגדל לרגל יומא דהילולא

געקליבענע געדאנקען אויף די פרשה

פרשת שמיני תשפ"ה
גליון ק"מ
שנה ד'


# פון פלאצקער גאון

## הגאון רבי ארי' לייב צינץ זי"ע

## אויף אידיש

### נאר די וואס האבן געזינדיגט מיט'ן עגל האבן געדארפט מכפר זיין אויף מכירת יוסף

**ואל בני ישראל תדבר לאמר קחו שעיר עזים לחטאת ועגל וכבש בני שנה תמימים לעולה.** (ט, ג)

דער מדרש פרעגט (ילקוט שמעוני רמז תקכא), פארוואס האבן די אידן געברענגט מער קרבנות ווי אהרן? אהרן האט נאר געברענגט צוויי קרבנות אן עגל לחטאת און אן איל לעולה, משא"כ די אידן האבן געברענגט דריי קרבנות, א שעיר לחטאת און אן עגל וכבש לעולה? זאגט דער מדרש, אז אהרן האט זיי געזאגט אז זיי דארפן מכפר זיין אויף צוויי עבירות, איינס פאר'ן שחט'ן א **שעיר עזים** ביי מכירת יוסף, און נאך איינס פאר'ן מאכן דעם חטא העגל. וועגן דעם האבן זיי געברענגט א "שעיר" לחטאת מכפר צו זיין אויפן שעיר עזים פון מכירת יוסף, און אן עגל לעולה מכפר צו זיין אויפן חטא העגל.

לכאורה איז דער מדרש א וואונדער, ווייל וואס האט חטא מכירת יוסף מער מיט אלע אנדערע אידן ווי מיט שבט לוי, אדרבה, הערשט שבט לוי איז געווען דער עיקר ביי מכירת יוסף, אזיווי רש"י זאגט אין פרשת ויחי אויף "שמעון ולוי אחים" אז זיי זענען געווען מיט איין עצה צו פארקויפן יוסף. אויב אזוי איז פארוואס דארפן אלע אנדערע אידן ברענגען א קרבן מכפר צו זיין אויף דעם און אהרן פון שבט לוי נישט?!

נאר ווי באוואוסט זאגט דער מדרש (תנחומא כי תשא יט) אז ביי יציאת מצרים האט משה רבינו געוואלט ארויסנעמען יוסף'ס ארון, אבער די מצרים האבן דאס געהאט איינגעזינקען אינעם נילוס, האט משה רבינו געשריבן אויף א בלעך "עלה שור" און דורכדעם איז יוסף'ס ארון ארויפגעשווימען. און דעם בלעך האט מען שפעטער אריינגעווארפן אינעם פייער בשעת'ן מאכן דעם עגל, און אזוי איז ארויסגעקומען דער עגל הזהב "בתבנית **שור** אוכל עשב".

יעצט דאס איז פשוט, אז יוסף איז נפטר געווארן אין מצרים נאר ווייל די שבטים האבן אים פארקויפט קיין מצרים. קומט דאך אויס אז דער חטא העגל - וואס מען האט געמאכט מיט'ן בלעך "עלה שור" - איז צוריק מעורר דעם חטא פון **מכירת יוסף**, ווייל דער בלעך "עלה שור" האט מען דאך נאר געדארפט ווייל יוסף איז נפטר געווארן אין מצרים, און די סיבה פארוואס ער איז נפטר געווארן אין מצרים איז ווייל מען האט אים פארקויפט קיין מצרים.

אויב אזוי איז זייער גוט, אז נאר די וואס האבן געזינדיגט מיט'ן עגל האבן צוריק מעורר געווען למפרע חטא מכירת יוסף, משא"כ שבט לוי וואס האט נישט געזינדיגט מיט'ן עגל האבן נישט מעורר געווען דעם חטא פון מכירת יוסף.

### די וואונדערליכע הבטחה

לכבוד די יומא דהילולא קדישא פון הגאון מפלאצק רבינו **אריה לייב בן ר' משה** זצוק"ל וואס פאלט אויס **ג' אייר**, איז דא דער פלאץ צו דערמאנען די הבטחה נפלאה וואס ער האט מבטיח געווען געציילטע שעות פאר זיין הסתלקות, אויפשרייבנדיג במו ידיו הקדושות קלארע און דייטליכע ווערטער, אז "**כל מי שישתדל ויסייע בהדפסת ספריו יהיה לו למליץ בעולם העליון!**", זאגנדיג צו זיין געטרייען תלמיד וועלכער איז געשטאנען סמוך למיטתו אז **א סוחר הענגט נישט ארויס קיין שילד - אז ער האט נישט די סחורה צו פארקויפן!** געבנדיג צו פארשטיין אז זיין הבטחה איז קראנט און ער גיבט דערויף פולע דעקונג אן קיין שום ספיקות.

ס'איז איבריג צו זאגן אז דבר אחד מדבריו לא ישוב ריקם, ער האט געטריי געהאלטן זיין צוזאג און פילצאליגע אידן האבן זוכה געווען צו זעהן ישועת ה' עין בעין נאכן עוסק זיין אין דרוקן זיינע ספרים. **די הייליגע הבטחה איז נחרט געווארן בכתב מפורש על ציון קדשו וואס יעדער איינער קען דאס זען מיט די אויגן ביזן היינטיגן טאג, און אן א שיעור האבן זיך שוין איבערצייגט אין אמיתות ההבטחה נאכן זען ישועת ה' ברחמים ובניסים גלויים!**

בחסד ה' ובסייעתא דשמיא מרובה האט אונזער מכון זוכה געווען **צו נעמען אויף זיך דעם הייליגן פליכט "לברר וללבן מקחו של צדיק" אויף א באזונדערן פארנעם וואס איז א חידוש עצום, באארבעטענדיג די הייליגע דיבורים פון ספר "מלא העומר" על התורה, ווי אויך די רייכע דרושים פון "קומץ המנחה", מיט'ן וועכנטליכן גליון וואס דינט אלס אן אכסניא של תורה מקרב צו זיין דברי תורתו אויף א לייכטן אידישן שפראך לאלפים ורבבות מאחינו בני ישראל שוין קרוב צו דריי יאר, אדאנק די טייערע נדיבי העם וואס שטייען אונז צו די האנט און שטיצן די הפצה אז דאס זאל אנגיין אויפן בעסטן פארנעם.**

מיר זענען סמוך ובטוח בהבטחתו הנפלאה פון האי צדיק וקדוש וואס איז זיכער מגין פאר די אלע וואס נעמען אנטייל אין דעם הייליגן מפעל וואס איז "עושה נפשות להאי צדיק" אז ס'זאל זיין "שפתותיו דובבות" כרצונו הטהור געהאלפן צו ווערן בכל משאלות לבם לטובה, ווי ער אליין האט צוגעזאגט "**שיהיה להם למליץ בעולם העליון**"!

**זכותו יגן אלינו ועל ישראל אמן**

ווען דעם האט אהרן געזאגט פאר אלע אידן אז זיי דארפן ברענגען **צוויי** כפרות, איינס צו מכפר זיין אויפן **שעיר עזים** פון מכירת יוסף, און פארוואס טאקע? ווייל זיי דארפן דאך ברענגען א כפרה אויפן **חטא העגל** וואס איז דאך מעורר למפרע חטא מכירת יוסף. משא"כ אהרן וואס איז פון שבט לוי וואס האבן נישט געזינדיגט מיט'ן עגל, דארף ער נישט ברענגען קיין כפרה אויף מכירת יוסף.

**'קומץ המנחה' פרשת אמור דרוש כה אות יט-כ**

## ווען נדב ואביהוא האבן דעם מעיל וואלט מען געהערט ווי זיי גייען אריין ממילא וואלטן זיי נישט געשטארבן

**ויקחו בני אהרן נדב ואביהוא איש מחתתו... ותצא אש מלפני ה' ותאכל אותם...** (י, א-ב)

אין מדרש שטייט (ויקרא רבה כ, ט) פארוואס זענען נדב ואביהוא געשטראבן? ווייל זיי זענען געווען "מחוסרי בגדים". און וועלכע בגד האט זיי געפעלט? עס האט זיי געפעלט דער "מעיל".

שטעלן זיך שוין די מפרשים אז דער מדרש איז א גרויסע תמיה: פארוואס זאגט דער מדרש אז עס האט זיי געפעלט דייקא דער מעיל, עס האט זיי דאך אויך געפעלט דער חושן, אפוד און ציץ? נאך שטערקער, וואס איז דער פשט אז זיי זענען געווען "מחוסרי בגדים", זיי זענען דאך געווען כהנים הדיוטים וואס טארן דאך בכלל נישט גיין מיט קיין שמונה בגדים? און נאכמער, זיי זענען דאך אריין מקטיר זיין קטורת **לפני ולפנים**, וואס אפילו דער כהן גדול גייט דאך דארט נאר בלויז מיט פיר בגדי לבן ווי א כהן הדיוט?!

נאר אינ'אמת'ן איז בכלל שווער, וויאזוי האבן נדב ואביהוא זיך ערלויבט אריינצוגיין אין קדשי קדשיםביידע אינאיינעם, עס שטייט דאך בפירוש (להלן טז, יז) "וכל אדם לא יהיה באוהל מועד בבואו לכפר בקודש" אז קיינער טאר נישט זיין אינעווייניג בשעת ווען דער כהן גדול איז מקטיר די קטורת? און מיר טרעפן נישט אז עס זאל זיי גערעכנט ווערן פאר א חטא דאס אז זיי זענען געווען אינעווייניג בשעת ווען א צווייטער האט געטון דארט די עבודה?

אלא מאי מוז זיין אז זיי האבן נישט געוואוסט איינער פונעם צווייטן, נאר יעדער איז פאר זיך אליין אריין אין קדשי קדשים מיט קטורת, און נאר אינעווייניג האבן זיי זיך צוזאם געטראפן.

יעצט אויב וואלטן זיי ווען געגאנגען מיט'ן מעיל וואס האט געהאט גלעקלעך כדי "ונשמע קולו בבואו אל הקודש", וואלטן זיי דאך תיכף געהערט איינער פונעם צווייטן, און זיי וואלטן אודאי נישט אריין ביידע אינאיינעם, און אויב אזוי וואלטן זיי נישט געשטארבן. אבער היות זיי האבן נישט געהאט דעם **מעיל** האבן זיי נישט געהערט אז איינער איז אריין, ממילא איז אויסגעקומען אז זיי זענען אריין ביידע צוזאמען ממילא איז איין קטורת געווען א קטורת זרה און וועגן דעם זענען זיי געשטארבן.

דאס קומט טאקע דער מדרש זאגן, אז זיי זענען געשטארבן ווייל עס האט געפעלט דער "מעיל" דייקא, ווייל אויב זיי האבן ווען דעם מעיל מיט די גלעקלעך, וואלט דאס געקענט פארמיידן אז זיי זאלן נישט שטארבן.

**מלא העומר בפרשתן י, א**

אויף נאך אן אופן קען מען זאגן, אז עס האט זיי געפעלט דער מעיל וואס האט געהאט גלעקלעך כדי מען זאל הערן דעם קול ווי דער כהן גדול גייט אריין אין היכל, איז אויב זיי וואלטן געהאט דעם מעיל וואלט משה רבינו גלייך געהערט אז זיי גייען אריין און ער וואלט זיי נישט געלאזט אריינגיין, ממילא וואלטן זיי נישט געשטארבן.

**קומץ המנחה פרשת אחרי דרוש כ אות ו**

## חוץ פון די איסורים ממש דארף מען זיך אפשיידן אפילו פון א חשש איסור כדי נישט צוצוקומען עובר צו זיין אויפן איסור אליין

**להבדיל ... ובין החיה הנאכלת ובין החיה אשר לא תאכל.** (יא, מז)

פארוואס רעדט נישט דער פסוק מיט'ן זעלבן סגנון, ביי די טהור'ע זאגט ער **החיה "הנאכלת"** - בלשון הוה, די חיות וואס **ווערן געגעסן**, און ביי די טמא'נע זאגט ער **החיה אשר "לא תאכל"** - בלשון עתיד, די חיות וואס **זאלן נישט ווערן** געגעסן. לכאורה וואלט געדארפט שטיין צום סוף "ובין החיה אשר **אינה נאכלת**" וואס דאס איז די פארקערטע פון "החיה **הנאכלת**"?

נאר די תורה וויל אונז דא מרמז זיין אז חוץ פון די איסורים ממש דארפן די חכמים אויך מאכן הרחקות אפילו פון זאכן וואס זענען נישט ממש קיין איסור, כדי צו דערווייטערן דעם מענטש נישט צוצוקומען צו קיין איסור. אזויווי חז"ל האבן גע'אסר'ט מילך וואס א גוי האט געמאלקן מחמת חשש אז אפשר האט ער אריינגעמישט חלב טמא, הגם דאס איז זייער א ווייטע חשש, ווייל וויפיל מאל געשעט דען אז א גוי זאל אריינמישן חלב טמא אין טהור'ע מילך? נאר די חכמים האבן געמוזט שטעלן גדרים וסייגים אפילו אויף זאכן וואס זענען לכאורה נישט אסור כדי דער מענטש זאל נישט שטיין אויפן שוועל פון איסור. אזוי אויך ביי אלע אנדערע גדרים וסייגים וואס חז"ל האבן געמאכט, האבן זיי געשטעלט דעם גדר ווייט פונעם איסור, כדי דער מענטש זאל נישט שטיין נאנט צום איסור ממש, אזוי וועט ער נישט געשטרויכלט ווערן.

דאס קומט די תורה דא זאגן, "**להבדיל בין החיה הנאכלת**" אז בעצם רעדט מען פון אזא מאכל וואס מען מעג לעולם יא עסן יעצט ווייל ער איז נישט קיין איסור ממש, ווי למשל חלב עכו"ם וואס עס איז גאר א ווייטע חשש אז עס זאל האבן אריינגעמישט טמא'נע מילך. און וועגן דעם שטייט: "**הנאכלת**" ווייל אינ'אמת'ן מעג מען דאס עסן. אבער פונדעסטוועגן דארף מען זיך אויך פון דעם אפשיידן, פארוואס? וויבאלד ער שטייט אויפן שוועל צווישן איסור און היתר, און אויב מען וועט זיך נישט דערווייטערן פון דעם קען מען ח"ו צום סוף צוקומען נכשל צו ווערן מיט אן איסור ממש.

ווענן דעם שטייט "**ובין החיה אשר לא תאכל**" בלשון עתיד, דהיינו אז די סיבה זיך אפצושיידן דערפון איז וועגן דעם **עתיד**, כדי מען זאל נישט צוקומען בעתיד צום איסור אליין און חלילה נכשל ווערן מיט עסן זאכן וואס זענען אן איסור ממש.

# די היילגע צוואה

ומי שישתדל בהדפסתן יהי' לו המחבר למליץ אם יהי' לו זכות




## איר קענט שיקן קוויטלעך צום ציון הק' להפקד בדבר ישועה ורחמים

פאראינטערעסירטע ביטע פארבינדט אייך צום מערכת

**הגליון נתנדב ע"י**

הרבני הנכבד

הר"ר **ישכר זאב מארקאוויטש** הי"ו

זכות הפצת תורת הגה"ק מפלאצק זי"ע יעמוד בעדו ובעד ב"ב לברכה והצלחה בכל מעשי ידיהם

## מתולדותיו

**וזרח השמש** - הגאון הגדול שר התורה רבי אריה לייב צינץ זי"ע, באַרימט אַלס דער פלאָצקער גאון, איז געבוירן אין שנת תקכ"ח, אין פינטשוב, פולין צו זיין פאָטער הגאון הצדיק רבי משה אייבשיץ זצ"ל, וועלכער איז געווען אַ פלומעניק פון דעם גאון אדיר וקדוש ישראל רבי יונתן אייבשיץ זצוק"ל. זיין מוטער הצדקנית האָט געהייסן מרת יהודית ע"ה.

**משחר טל ילדותו** - נאָך אַלס קינד אין פינטשוב האָט שוין דער פלאָצקער גאון גע'שמ'ט ווי אַ חריף עצום ועילוי נפלא, זיינע רביים האָבן זיך מיט אים משתעשע געווען און מעיד געווען אויף אים גאָר גרויס.

זיין בקיאות אין ש"ס ופוסקים איז געווען מבהיל'דיג אין צוגאָב צו זיין שטוינענדע חריפות. וואָס אינאיינעם מיט זיין גאָר גרויסע התמדת ושקידת התורה און זיין זכרון נפלא איז ער געשטיגן גאָר הויך אַז נאָך אין די פריע יוגנט יאָרן איז ער שוין פאַררעכנט געוואָרן צווישן די אדירי התורה בדורו.

**דער פלאָצקער גאון** - במשך פון די צייט האָבן אַ ריי קהילות בישראל אָנגעהויבן שיקן שליחים אַז דער גאון וגדול זאָל מכהן פאר זיין אין זייער שטאָט אַלס רב. די שטאָט "פלאָצק" אין פוילן האָט זוכה געווען באַקרוינט צו ווערן מיט דעם גאון וקדוש, וואָס אויף איר נאָמען ווערט ער גערופן צווישן רבבות אלפי ישראל: "דער פלאָצקער גאון" ביז צום היינטיגן טאָג.

בסוף ימיו האָט ער זיך אינגאַנצן אָפגעזונדערט פונעם עול הציבור. ער האָט זיך באַזעצט אין עיר הבירה וואַרשא, ושם חלקת מחוקק ספון.

**אשכבתיה דרבי** - די וועלט האָט נישט זוכה געווען צו לאַנג נתבשם צו ווערן מאור תורתו וקדושתו אויף צו לאַנג. וואָרום אַלט זייענדיג בלויז 66 יאָר האָט זיך זיין נשמה צוריק געקערט לצור מחצבתה ונשבה ארון הקודש. דער טאָג פון די פטירה איז געווען מאָנטאָג ג' אייר תקצ"ג.

אינעם בית החיים אין וואַרשא וואָס איז כידוע געבליבן לפליטה עד היום הזה, שטייט נאָך די מצבה, דער מקום מנוחה פונעם פלאָצקער גאון וואָס איז נתקבל געוואָרן אַלס אַ מקום מסוגל לישועה על קברו של אותו צדיק.

## די גרויסע הבטחה

אַ קורצע צייט פאַר דער הייליגער פלאָצקער גאון איז נסתלק געוואָרן, ווען ער איז שוין געלעגן פאַרשלאַפט אין בעט, אַרומגענומען מיט זיינע באַליבטע תלמידים וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט מיט אַ חרדת קודש. האָט זיך דער גאון פלוצלינג געעפנט די אויגן און אויפגעהויבן דעם קאָפּ, זיך אָנרופנדיג: "וואָס וויל דער אַלטער דאָרט ביי דער ספרים-שאַנק?" מען האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט. ווייל קיינער איז נישט געשטאַנען דאָרט. אָבער דער פלאָצקער גאון האָט ווידער אויפגעהויבן דאָס קאָפּ און נאָכאַמאָל געפרעגט: "נו, וואָס איז דער חילוק? דאָ לערנען, דאָרט לערנען?!". און ער האָט געבעטן מען זאָל אים געבן אַ גלאַטן דין ברעטל מיט אַ שטיקל קרייד וואָס איז געלעגן ביים ווינקל פונעם צימער. ווען מען האָט ערפולט וואָס ער האָט געבעטן, האָט ער זיך אָנגעשטרענגט בשארית כוחותיו און געשריבן: "**מי שישתדל ויסייע בהופעת ספריו יהיה לו למליץ בעולם העליון**".

און ער האָט איבערגעגעבן דעם כתב פאַר זיין תלמיד הגה"ק בעל חידושי הרי"מ זי"ע, וועלכער איז אויך אָנוועזנד געווען באותו מעמד.

ער האָט זיך באותו מקום אויך פאַרצייכנט דעם באַרימטן נוסח המצבה, אויף וועלכן ס'שטייט אויפגעשריבן: "**פ"נ הרב מו' אריה ליב ב"ר משה ז"ל בעה"מ ספר גט מקושר ושאר ספרים אשר כבר באו לדפוס ושאר כתיבת יד כמובאר בהקדמת ס' ברכת השיר. ומי שישתדל בהדפסתן יהיה לו למליץ אם יהיה לו זכות.**"

א תלמיד האָט זיך געטרויט אויסצודרוקן זיין וואונדער און פרעגן זיין רבי'ן וויאַזוי נעמט ער זיך אונטער דעם כח צו צוזאָגן אַזאַ וואונדערליכע הבטחה פאַר די וואָס וועלן זיך משתדל זיין מיטן דרוקן זיינע ספרים. ער איז געבליבן ווידער

געשאָקט הערנדיג די תשובה פונעם פלאָצקער גאון:

**"אַ סוחר הענגט נישט אַרויס קיין שילד אויב ער האָט נישט קיין סחורה צו פאַרקויפן!"**

מורא'דיגע דיבורים!

נישט אַריבער קיין לאַנגע צייט נאָך די פטירה פונעם הייליגן פלאָצקער גאון, און אידן האָבן זיך אָנגעהויבן איבערצייגן אַז זיינע הייליגע ווערטער ווערן מקוים. דבר אחד מדבריו לא יפול ארצה. אידן האָבן אָנגעהויבן זען מיט די אויגן אָפענע נסים ונפלאות, ישועות ורפואות, ווי עס איז פאַרשריבן אין מערערע עדות אין די הקדמות צו די ספרים פונעם פלאָצקער גאון. כאשר יגזור אומר כן יקום, אַז ער איז אַ מליץ יושר פאַר די אַלע וואָס האָבן זיך משתדל געווען צו דרוקן זיינע ספרים הקדושים. עס האָט אָנגעהויבן פאַרשפרייט ווערן צווישן אידן וואָס האָבן געזען נפלאות, אָפענע ישועות און רפואות, כמעט חוץ לדרך הטבע, פאַר די אַלע וואָס האָבן זיך משתדל געווען צו דרוקן די ספרים.

דער ערשטער וואָס האָט זיך אַריינגעלייגט בלב ונפש צו מקיים זיין רצון צדיק און אָפדרוקן די ספרי מהרא"ל צינץ זי"ע, איז געווען הגה"צ ר' חיים יעקב נפתלי זילבערבערג זצ"ל פון ווארשא וועלכער ליגט האַרט נעבן ציון הק' פונעם פלאָצקער גאון. זיין אייניקל הג"ר אברהם בנימין זצ"ל אב"ד פיטסבורג וועלכער האט זיך אויך אַסאַך אָפגעגעבן און געדרוקט די ספרי מהרא"ל דערציילט אין די הקדמה אַז אין שנת תר"א איז זיין שוואָגער ר' זושא, אַ ברודער פון הג"ר שמואל זנוויל קלעפפיש זצ"ל פון ווארשא, ל"ע קראַנק געוואָרן אויף די לונגען. און די דאָקטוירים האָבן אים שוין געהאַט אויפגעגעבן דאָס לעבן, האָט ער דאַן אָפגעדרוקט דעם ספר "שמחת יום טוב" אויף מסכת ביצה, און דער שוואָגער איז באַלד געזונט געוואָרן, און האָט זוכה געווען צו אריכות ימים.

ווייטער שרייבט ער בתורת עדות אַז עס איז צו אים געקומען אַ איד וואָס האָט ל"ע געליטן פון די ביטערע מחלה, און ער וויל איך זאָל דרוקן לזכותו אַ ספר פונעם מהרא"ל צינץ זצ"ל. און ער האָט אויסגעצאָלט דאָס דרוקן דעם ספר שו"ת מהרא"ל, און ער איז בדרך פלא פולקאָם געזונט געוואָרן. יענער פלעגט מיר שטענדיג זאָגן, אַז ער ווייסט קלאָר אַז דורך דעם האָט ער געהאַט זיין ישועה.

דער ספה"ק תפארת ארי' שרייבט: ווען עס איז דאָ אַרומגעגאנגען די מגיפה כאָלערע רח"ל, האָבן פילע אידן מתפלל געווען ביים ציון הק' פונעם הייליגן מהרא"ל, און דאָרט צוגעזאָגט אָפצודרוקן די ספרי מהרא"ל, און באַלד דערנאָך איז די מגיפה אָפגעשטעלט געוואָרן, און ס'איז געקומען אַ גרויסע ישועה אין גאַנצן לאַנד.

אויך הגאון הגדול והמפורסם ר' מנחם זעמבא זצ"ל, האָט געהאַט אַ פערזענליכע ישועה דורכן דרוקן אַ ספר פונעם מהרא"ל. און אויך דער גאון מפורסם אבד"ק קאָזשיגלאָוו זצ"ל.

הגאון הגדול ר' חיים דאַווידזאָהן זצ"ל אבד"ק וואַרשא שרייבט: מיר האָבן אַליין געזען און בייגעוואוינט, ווי פילע מענטשן זענען געהאָלפן געוואָרן פון זייער פראָבלעמען, ווען זיי האָבן זיך פאַרלאָזט אויף די הבטחה פונעם מהרא"ל.

אַזוי זאָגן אויך עדות פילע גדולי עולם. אויף הגה"ק ר' צדוק הכהן מלובלין זצ"ל ווערט דערציילט אַז פאַר די פטירה האָט ער מגלה געווען אַ רמז אַז ער וויל נאָך זיין פטירה זאָל מען עוסק זיין אין דרוקן זיינע חידושי תורה און עס פאַרשפרייטן על פני תבל. און אין זיינע ווערטער האָט רבי צדוק הכהן דערמאַנט די צוואה פונעם פלאָצקער גאון, און מעיד געווען אַז ער האָט דאָך מקיים געווען זיין הבטחה און ער טוט אַ טובה פאַר אַלע וואָס זענען מסייע צו דרוקן זיינע ספרים.

אויך הגה"ק רבי משה ארי' פריינד זצ"ל גאב"ד ירושלים האָט דערציילט אַז ער האָט אַליין געזען אַ מופת ביי איינעם וואָס האָט נישט געהאַט קיין זרע של קיימא אַסאַך צייט נאָך די חתונה, און נאָכן דרוקן די חידושים פונעם פלאָצקער גאון איז ער נפקד געוואָרן מיט בנים.

עס דאַרף פאַרצייכנט ווערן אַז הגה"ק מסאַטמאַר זי"ע, האָט געהייסן אַמאָל אין די יאָרן פאַר די מלחמה, צו דרוקן דעם ספר "מלוא העומר" פון פלאָצקער גאון לזכותו פון זיין קרוב משפחה וואָס האָט גענייטיגט אַ גרויסע ישועה, כדי דער גרויסער זכות פונעם פלאָצקער גאון זאָל אים דינען אַלס מליץ. די תלמידים וחסידים פון רביה"ק מסאַטמאַר פון גאַנץ אונגאַרן האָבן זיך טאַקע דעמאָלט משתתף געווען בעין יפה צום דרוקן דעם ספר, און זיי ציילן זיך צווישן די פרענומעראַנטן פון יענעם דרוק וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין סאַטמאַר.

די זאַך איז כידוע געוואָרן אָנגענומען אין אַלע תפוצות ישראל עד היום הזה אַלס אַ מקובל'דיגע זאַך, בדוק ומנוסה, אַז דאָס דרוקן די ספרים פונעם פלאָצקער גאון זצ"ל איז אַ סגולה אָפגעהיטן צו ווערן מכל צרה וצוקה ופגע ומחלה. נפלאות'דיגע מעשיות ווערן דערציילט נאָך עד היום הזה וואָס אידן האָבן געהאַט ישועות דורך האָבן אַ חלק אין דרוקן דעם פלאָצקער גאון'ס ספרים.

צדיק גוזר:

די באריםטע **הבטחה פונעם פלאצקער גאון זי"ע**, וואס איז איינגעקריצט במצבת קדשו:




# איך וועל זיין פאר אים א מליץ!

**פאר ווער עס פארשפרייט מיין תורה**

יעצט צוגעברענגעט צו אייך צו דער האנט און ערמגליכט זוכה צו זיין.



דער הערליכער גליון **'דער פלאצקער גאון'** איז מפיץ תורתו הבהירה, און זעטיגט דעם דארשט פון טויזנטער ליינער!

## זייט תורם למען הפצת תורתו און דער גאון המחבר וועט פאר אייך פועלן אלע ישועות בשמי מעל.

929.260.4868 | gilyonplotzk@gmail.com | plotzk.org

א שליח מיוחד וועט זיין אויפן ציון

## בעצם יומא דהילולא דעם ג' אייר

און אייך מזכיר זיין לטובה להפקד בדבר ישועה ורחמים.